וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב
בלעטל

פרשת כי תבא, ט"ז אלול תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון מ"ה

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......7:08
מוצאי שבת.......8:37

# א מעשה פון תפלה

## הערשי בוים

במשך דעם זומער האב איך געדרייווט א באס פאר א מוסד וואס האט מיר געגעבן זייער באס צו ניצן ווען איך וויל, יעצט נאכן זומער האב איך געוואלט ארויס נעמען א ליעס פאר א קאר אבער עס האט זיך געשלעפט נאך א טאג און נאך א טאג, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג איך זאל יא קענען האבן א קאר ווי אמשנעלסטן, אזוי ווי איך האב זיך אויפגעהערט צו פארלאזן אויף מענטשן און איך האב מיך פארלאזט נאר אויפן אייבערשטן - איז אנגעקומען די ישועה און איך האב באקומען מיין נייע קאר, שכח אייבערשטער.

## אברהם הערש וועבערמאן

איך האב מיך דערמאנט שוין אביסל שפעט אינמיטן די קאראנא צייט אז איך דארף איבערמאכן מיין פאספארט, איך בין געגאנגען עס איבערמאכן אבער אזוי ווי אלע ווייסן קען מען יעצט נישט וויסן ווען און ווילאנג עס גייט נעמען עס זאל אנקומען, איך האב יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נאך אנקומען פאר ראש השנה, שכח אייבערשטער אז די וואך איז עס אנגעקומען בשעה טובה ומצלחת, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

## הערשי שניטצלער

א) איך האב געדארפט מאכן א אויל טשענזש און א אינספעקשן פאר מיין קאר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן די געלט פאר דעם און עס זאל גיין שנעל אן דארפן ווארטן לאנג, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז דער וואס האט עס געמאכט האט געבעטן זייער א ביליגע פרייז וואס דאס האב איך געהאט, און אויך האט עס גענומען זייער שנעל, אזוי האב איך נישט געדארפט ווארטן לאנג.

ב) די וואס האבן לייסענס פאר א באס ווייסן אז יעדעס יאר דארפן מען ארייַנשיקן פון פריש א צעטל פון די דאקטער אז מען איז געזונט וכו', איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען מאכן באצייטענס און עס זאל מיר נישט קאסטן קיין געלט, שכח אייבערשטער איך האב עס געקענט באקומען פון דאקטער אן דעם וואס עס זאל מיר קאסטן, מיין אינשורענס וואס איך האב האט עס באצאלט ברוך השם.

# נייעס אין שטעטל

### א שטעטל פון שמחות

די לעצטע פאר וואכן איז פארגעקומען היפש אפאר שמחות אין שטעטל, צו זאל עס זיין שלום זכור'ס, וואכט נאכט'ס, ברית'ן, קידושים און אפשערנ'ס, און אפילו א תנאים, אלעס איז געווארן געפראוועט אויף א וועג וואס עס קאסט גארנישט פאר דעם בעל שמחה, וואס דאס גיבט א מורא'דיגע רואיגקייט פאר'ן בעל שמחה מען זאל קענען צוגיין צו די שמחה מיט'ן פולן ישוב הדעת.

פאריגע וואך דאנערשטאג איז פארגעקומען א באשיידענעם וואכט נאכט מיט אביסל פאטעטא טשופ און פאפקארן - פון הילד יואל בן שרולי סאמעט הי"ו, אזוי אויך איז די סעודת ברית געפראוועט געווארן אויף גאר א באשיידענע אופן, די עסן איז געווארן צוגעשטעלט ביי די בית התבשיל אין שטעטל אנגעפירט דורך האברך החשוב שלמה יאקאבאוויטש הי"ו.

פארגאנגענעם שבת קודש איז געפראוועט געווארן א שיינע שלום זכר ביי האברך ארי פיש הי"ו, שבת אינדערפרי איז פארגעקומען א שיינע קידוש ביי א מיידל וואס איז געבוירן געווארן ביי האברך אשר בער אינדארסקי הי"ו [אגב; ביים קידוש האט דער ראש ישיבה שליט"א פארציילט די גרויסע נסים וואס איז געווען ביים האבן דעם לעצטיגן געזונטן קינד, בשעת די דאקטער האט אנגעשראקן אז עס גייט נישט זיין א געזונטע קינד, און ברוך השם מען האלט דא, אויך האט אים דער ראש ישיבה שליט"א אנגעוואונטשן דאס יאר אין אומאן ביי לשנה טובה אז ער וועט האבן דאס יאר א מיידל] די קידוש איז געווארן צוגעשטעלט דורך די בית התבשיל אין שטעטל אנגעפירט ביי האברך החשוב שלמה יאקאבאוויטש הי"ו.

אזוי אויך איז געפראוועט געווארן צוויי וואכן צוריק אין שטעטל א פשוטע איידעלע לחיים/ווארט/תנאים ביי החתן אלחנן חיים הי"ו א זוהן פון דעם ראש ישיבה שליט"א עב"ג הרב ר' מרדכי אינדיג שליט"א מנהל פון תלמוד תורה.

אזוי אויך איז פארגעקומען פאריגע וואך א אפשערן ביי הילד אליעזר שלמה בן ר' שבתי מזרחי הי"ו אן קיין געלט ספענדעריי.

אין די פארגאנגענהייט איז שוין אויך פארגעקומען זייער שיינע באשיידענע שמחות אויך אויף אזא פארנעם וויאזוי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז אויס, מיט'ן אייבערטענ'ס הילף וועט זיין נאך שמחות אין שטעטל, און עס איז צום האפן אז די שמחות וואס וועלן פארקומען דא אין שטעטל וועלן ווערן געפראוועט אויף א פשוטע אופן, אזוי וועט מען קענען לעבן רואיגערהייט אן קיין חובות.

### נייע זמן אין שטעטל

גאר א שיינער זומער איז פאראיבער אין שטעטל, און יעצט האט זיך ברוך השם אנגעהויבן א נייע ווינטער זמן.

אין תלמוד תורה און אזוי אויך אין סקול האט מען דעם זמן אויפגענומען מלמדים און טיטשערס, מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף וועט עס זיין גאר א שיינער זמן נאך שענער ווי ביז אהער.

אזוי אויך האט מען צוריק באנייט די כולל בוקר אין שטעטל, ווי עס זיצן אינגעלייט און לערנען בחברותא טור מיט שלחן ערוך ביז להלכה, אזוי אויך זיצן אינגעלייט און לערנען די אייגענע שיעורים כסדרן.

און באזונדער דארף מען ארויסברענגען די גרויסע שמחה אז עס האט זיך געעפענט א כולל ווי עס זיצן אינגעלייט במשך דעם טאג וואס זיצן און לערנען גאר פלייסיג די הייליגע תורה, ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריקט **"דאס איז מיין גאנצע נחת"**.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון דעם הייליג'ן שטעטל זאל ארויסקומען א לעכטיגקייט פאר די גאנצער וועלט.

# סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**שבתי מזרחי נ"י וזוגתו אסתר תחי'**

**צו די אפשערן פון הילד אליעזר שלמה נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אין דעם זכות פון העלפן מיט'ן גאנצן הארץ פאר די אויפבוי און פאר די הצלחה פונעם הייליגן שטעטל - זאלן זיי זעהן אסאך אידיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער געזונטערהייט, און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליג'ן רבינ'ס וועג אן קיין שטער.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - א' לסדר כי תבוא לאומאן, י"א אלול, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד מיינע טייערע תלמידים שיחיו, תושבי קרית ברסלב ליבערטי**

איך האב זיך זייער מחי' געווען צו זיין צווישן אייך דורכאויס די זומער וואכן צוזאמען מיט די בחורים; **אין בין צוריק געפארן קיין וויליאמסבורג אבער איך וועל ווייטער זיין מיט אייך.**

איך וויל זייער שטארק בעטן אלע אינגעלייט מען זאל קומען לערנען אינדערפרי פאר'ן דאווענען. מען וועט דאווענען יעדן טאג זיבן אזייגער; איך וויל אייך מחזק זיין איר זאלט אלע קומען לערנען אינדערפרי, דער טאג איז אן אנדערע טאג ווען מען לערנט אינדערפרי, דער טאג איז אן אנדערע טאג ווען מען הייבט דאס אן מיט לערנען און דאווענען און א מקוה, עס איז דא א ברכה אינעם טאג; אמאל קען מען ארבעטן ביטער שווער א גאנצן טאג אבער עס איז נישטא קיין ברכה אינעם טאג, אבער אז מען הייבט אן דעם טאג מיט תורה ותפילה איז דא א ברכה אין די ארבעט.

נאכן דאווענען זאלט איר טאנצן; צינדט אן לעבעדיגע מוזיק פאר אפאר מינוט און טאנצט: "אשרינו מה טוב חלקינו שזכינו להתקרב לרבינו!" ווי גליקליך זענען מיר אז מיר ווייסן פון רבי'ן, ווי גליקליך זענען מיר אז מיר האבן א רבי וואס לערנט אונז ווי אזוי זיך צו דערהאלטן, נישט ווערן פארלוירן ווען עס גייט נישט ווי מען וויל.

אויך זאלט איר קומען דאווענען מנחה מעריב און מיט האלטן דעם שיעור גמרא, אבער נישט בלייבן ביינאכט שמועסן; ביינאכט דארף מען זיין אין שטוב מיט די ווייב און קינדער, מען קען נישט בלייבן אינדרויסן שמועסן.

נוצט אויס די פעלדער און וועלדער מיט התבודדות; עס איז אזוי געשמאק צו שפאצירן אין שטעטל מיט'ן אייבערשטן, זיך אויסשמועסן דאס הארץ און אים בעטן מען זאל נישט פארפאלן ווערן, מען זאל זיין ערליך.

שרייבט מיר וואס איר ווילט פרעגן און וויסן, איך וועל אייך גלייך ענטפערן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.**

* * *

בעזרת ה' יתברך - א' לסדר כי תבוא לאומאן, י"א אלול, שנת תש"פ לפרט קטן

**מרת ... תחי', קרית ברסלב ליבערטי**

איך האב זייער הנאה געהאט צו זיין אין שטעטל דורכאויס די זומער וואכן; עס איז א הייליג פלאץ, א ריינע פלאץ; **עס איז נישטא נאך אזא פלאץ אין די וועלט**, א פלאץ וואו יעדער איינער לעבט פאר זיך מיט'ן אייבערשטן.

יעדע דינסטאג נאכט וועט זיין א צאמקום פאר אלע פרויען פון שטעטל; איך האף אנצוגרייטן אפאר ווערטער, חיזוק פון רבי'ן וואס מען וועט אויפשפילן; דאס וועט אייך געבן חיזוק ווייטער אנצוגיין מיט אייער ארבעט מיט די קינדער.

נוצטס אויס די שטעטל פאר התבודדות; יעצט איז נאך נישט קאלט, עס איז שיינע וועטערס, זעצט אייך ארויס אויפ'ן פעלד נעבן שטוב מיט א תהילים און זינגטס די שיינע געזאנגען וואס דוד המלך האט געזינגען צום אייבערשטן. בעטס דעם אייבערשטן וואס איר דארפט וועט איר זען וואונדער וואס ער וועט טון מיט אייך.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.**

* * *

בעזרת ה' יתברך - יום ב' לסדר כי תבוא לאומאן, י"א אלול, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד האברך היקר לי ... נרו יאיר**

עס איז מיר היינט א גרויסע שמחה אז מיר האבן געעפנט אונזער צווייטע כולל; מיר האבן שוין איין כולל אין וויליאמסבורג, **היינט האבן מיר געעפנט די צווייטע כולל אין קרית ברסלב ליבערטי.**

**יעצט וועט די שטעטל וואקסן מער און מער**, ווייל אז די פלאץ איז געבויט אויף תורה האט דאס א קיום.

איך בין זייער פרייליך צו הערן גוטע גריסן אויף דיר אז דו לערנסט פלייסיג; איך וויל דיר מחזק זיין זאלסט זיך נישט לאזן שטערן פון קיינעם. אז עס קומען אריין מענטשן דורכ'ן טאג אין שול וואס זוכן וואס צו טון מיט זייער צייט זאלסטו זיך נישט לאזן שטערן, זאלסט ווייטער לערנען פלייסיג וועלן זיי פון זיך אליינס אוועק גיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.**



## חידות אפטיילונג



א) וואו האט דער הייליגער רבי חתונה געהאט?

ב) וועלכע יאר האט מוהרא"ש געגעבן די הבטחה פאר די בחורים וועגן לערנען 40 מאל מסכת תענית?

ג) וועם האט דער הייליגער רבי גענומען פאר עדות וועגן זאגן תיקון הכללי?

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז הילד משה טייטעלבוים נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
די גורל וועט פארקומען קומענדיגן דינסטאג אין קרית יואל.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) 13 יאר
ב) דאנערשטאג
ג) די לעצטע ראש השנה

---

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**אשר בער אינדארסקי נ"י**

**וזוגתו טויבא תחי'**

**צו די נייע מיידעל בעבי אדל תחי' למזל טוב**

---

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**ארי פיש נ"י**

**וזוגתו חנה זיסל תחי'**

**צו די נייע אינגל בעבי אליעזר שלמה נ"י למזל טוב**

---

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**אברהם יושע וועבערמאן נ"י**

**וזוגתוביילא תחי'**

**צו די נייע מיידעל בעבי למזל טוב**